תלמוד תורה יטב לב
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע
בני ברק
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
דרבינו יואל מסאטמאר

# נייעס באריכטן

מכינה ב' | המלמדים: הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

י"ד חשון תשע"ב | וירא | גליון מס' 2


*ילכו מחיל אל חיל:*

## די קינדער גייען ב"ה ווייטער און לערנען זיך צוביסלעך אויס נאך און נאך שטיקלעך פון דאווענען

ווי שוין געמאלדן פאריגע וואך האבן שוין די קינדער אנגעהויבן בסייעתא דשמיא צו דאווענען טעליכע שטיקלעך פון תפילת שחרית, און אזוי וועלן מיר בעזהשי"ת גיין מחיל אל חיל יעדע וואך וועלן מיר מוסיף זיין נאך און נאך ביז ווען די קינדער שיחיו וועלן אי"ה קענען דאווענען אלעס געהעריג.

די וואך האבן מיר צום ערשט אנגעהויבן מיט די קינדער צו זאגן "ותן טל ומטר לברכה" וויבאלד מ'האט עס אנגעהויבן צו זאגן ביי די שמונה עשרה פאריגע וואך פרייטאג ז' חשון, און מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער אז מיר בעטן פאר דער אייבישטער ער זאל אונז שיקן רעגן כדי מיר זאלן האבן וואס צו טרינקען, און מיר האבן אויך אויסגעלערנט אויף דעם א שיינע ניגון אויף אידיש וואס די קינדער האבן עס זייער גוט אויפגעכאפט.

אזוי אויך האבן מיר אנגעהויבן צו זאגן מיט די קינדער "נקדישך", און "מודים", די קינדער האבן זייער שיין געזאגט צוזאמען ווארט ביי ווארט.

נאכמיטאג פאר'ן אהיים גיין האבן מיר געזאגט מיט די קינדער "קריאת שמע שעל המיטה", כדי די קינדער זאלן זיך אויסלערנען צו ליינען קריאת שמע פאר'ן גיין שלאפן.

**- אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל פיהם של תשב"ר -**

## ספעציעלע האנט-ארבעט מעניני פרשת השבוע

די וואך האבן מיר געמאכט מיט די קינדער א געצעלט ווי מיר האבן אויסגעשניטן א פאפיר אזוי ווי א צורה פון א געצעלט און מ'האט געמאכט דארטן פיר טיהרן, און מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער אז ביי די געצעלט פון אברהם אבינו איז געווען פיר טיהרן כדי ער זאל קענען זעהן ביי יעדע טיהר אויב ס'קומען געסט און ער וועט זיי ארײן רופן צו זיין שטוב און ער וועט זיי געבן צו עסן און טרינקען. און אינדרויסן פון די געצעלט האבן מיר צוגעלייגט א "בוים", ווי מיר האבן ערקלערט פאר די קינדער אז אברהם אבינו האט געגעבן צו עסן פאר די מלאכים אונטער די בוים.

עקסטער האבן מיר אין איינע פון די טעג אויפגעבויט אינאיינעם מיט די קינדער א גרויסע געצעלט פון קליקס, און מיר האבן געמאכט פיר טיהרן פון א אנדערע פארב. די קינדער האבן זייער הנאה געהאט און מיט געלעבט מיט יעדע זאך עקסטער מיט א קענטיגע הנאה.

## שטארקע כוחות אריינגעלייגט אין די קינדער מ'זאל עסן נאר געזונטע עסנווארג

מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער שיחיו אז עס איז נישט געזונט צו עסן אסאך ציקערלעך אדער אנדערע נאשעריי, נאר מ'דארף עסן ברויט און נאר געזונטע עסן, וואס דאס בויט דאס געזונט פונעם קערפער פונעם קינד און עס האט א השפעה אויף אויף די שפעטערדיגע יארן.

מיר בעטן אז די עלטערן זאלן משתף פעולה זיין און מעודד זיין די קינדער אויף דעם, אז "גוטע זאכן" עסט מען נאר שבת וכדו', ווייל חוץ פון דעם וואס דאס מאכט א נזק בגשמיות כידוע, מאכט עס אויך א נזק ברוחניות, אזוי ווי חז"ל זאגן "עד שאתה מתפלל שיכנסו דברי תורה לתוך מעיך, תתפלל שלא יכנסו מעדנים לתוך מעיך", און אז מ'וויל אז די קינדער זאלן מצליח זיין בתורה דארף מען זיי אפגעוואוינען פון די אלע איבעריגע נאשערייען וכדו'.

די נאש איז געאייגנט נאר אויף שבת, ווי אויבנדערמאנט, אדער אמאל ווען עס קומט א ספעציעלע אויסצייכענונג פאר א קינד אויף א גוטע מידה וכדומה.

## וְהוּא עֹמֵד עֲלֵיהֶם תַּחַת הָעֵץ וַיֹּאכֵלוּ:

- חינוך אפטיילונג -

# עלטערן דארפן זיך אראפלאזן צו די קינדער און זיך מאכן צייט אויסצוהערן זייערע מעשות מיט די פילסטע געדולד

די וואך אין די פרשה שטייט "והוא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו", עס איז באקאנט די ווארט פונעם קדושת לוי די וואך, אז אברהם אבינו האט זיך צו געשטעלט צו די מדריגה פון די מלאכים, אזוי ווי עס איז באקאנט אז צדיקים זענען אין א מדריגה פון "הולך" און זיי גייען א גאנצע צייט ארויף מעלה מעלה, און א מלאך איז א "עומד" ווייל ער שטייט אויף איין פלאץ און ער בלייבט אין די זעלבע מדריגה שטענדיג, דעריבער ווען די מלאכים זענען געקומען צו אברהם איז ער אויך געווארן אין א מדריגה פון א "עומד" כדי ער זאל נישט זיין גרעסער פון די מלאכים, און דאס מיינט די פסוק והוא "עומד" עליהם תחת העץ ויאכלו.

די זעלבע בחינה איז זייער פאסיג צו זאגן פאר עלטערן אז זיי זאלן זיך אראפ לאזן צו די מדריגה פון די קינדער און צו זייער הבנה, און מ'זאל רעדן צו זיי לויט זייער שפראך, ווען די קינדער קומען אהיים פון חדר און זיי ווילן פארציילן זייערע קינדערישע מעשיות וואס זיי האבן מיטגעלעבט און חדר, איז אפילו אויב די עלטערן האבן עפעס וויכטיגער צו טוהן זאלן זיי זיך מאכן צייט אפאר מינוט צו די קינדער און זיי אויסהערן, ווייל דאס בינדט צו די קשר צווישן די עלטערן און די קינדער און אזוי קען מען זיי ארייגלייגן צווישן די ווערטער גוטע מידות און יראת שמים.

עס איז באקאנט די מעשה מיט מרן הגה"ק בעל ייטב לב זי"ע וואס איז ווי באקאנט געווען זייער שטארק פארנומען צו מרביץ תורה זיין פאר יונגע בחורים'לעך, און ער האט זיך אפגעגעבן מיט זייער חינוך א גאנצן טאג זיי צו הייבן מיט תורה און יראת שמים און עבודת ה', איינמאל האט אים זיין איידעם הגה"ק רבי ברוך גארליצער זי"ע געפרעגט, פארוואס געבט ער אוועק אזויפיל צייט פאר די יונגע קינדער, ער וואלט דאך אין די צייט געקענט מער שטייגן און עוסק זיין בינו לבין קונו און וואקסן פילפאכיג מער אין העכערע מדריגות אזוי די שרפי מעלה, האט אים דער ייטב לב געענטפערט, אז ער איז אויף אלעם מוותר צוליב די הרבצת התורה פון די צעירי הצאן, און ער איז גרייט אפילו צו זיין אין א נידעריגע מדריגה כדי ער זאל קענען משפיע זיין פאר די תלמידים.

די זעלבע זאך טייערע חשוב'ע עלטערן, מ'זאל נישט אננעמען פאר לייכט די ענין פון תינוקות של בית רבן, ווי קליין זיי זענען, קען מען ער אריינשיינען אין זיי אסאך ערנסטקייט דורכ'ן זיך אויסשמועסן מיט זיי, דורכ'ן זיך אראפלאזן צו זייער שפראך, און זיי אויסהערן אלעס וואס זיי האבן צו זאגן.

דער אויבערשטער זאל העלפן, אז מיר זאלן קענען מחנך זיין די קינדער און זיי הייבן בתורה וביראה, און די עלטערן זאלן זעהן פון זיי שטענדיג תענוג ונחת אכי"ר

**די וואך איז געווען**

**דער**

**"שבת טאטע"**

**אהרן משה יואל אילאוויטש נ"י**

**ברכת מזל טוב**

פאר תלמידינו היקר שיחי'

**יעקב בראך נ"י**

צו זיין געבורט'ס טאג

**בקשה נחוצה**

מיר בעטן די עלטערן שיחיו

**ווער עס האט נאכנישט געשיקט**

**זאל ביטע שיקן 100 ₪**

**אויף די הוצאות פון די ווינטער זמן**

**ווער עס האט נאכנישט צוריק געשיקט די צעטיל מיט די פרטים פונעם קינד די תאריך לידה, אדרעס, טלפון, וכדו'**

**זאל ביטע שיקן ווי שנעלער**